# אבותינו בולעטין

718-640-1470

א קורצע איבערזיכט פון די וועכנטליכע אקטיוויטעטן פון אבותינו

לבנות חומה לשמירת המתים המופקרים.. גורך יותר מתכריכים מלבושיהם... ומי המספקם בזה (ליקוטי שו"ת חת"ס ל"ז)

## אבל יחיד עשו לך

תרדנה עינינו דמעה בפטירת האשה המפורסמת החשובה והנכבדה בתש"ק

**מרת דינה רחל הערמאן ע"ה**

אשר מתחילת התייסדות אבותינו להצלת ושמירת ביה"ח באירופה, חגרה בעוז מתניה לעמוד לעזרתינו, אזי נפשה מנגד השליכה, וביתה בית וועד לחכמים עשתה, וזמן זמנים טובא משמע, עמדה לשרת בעבוה"ק, ובפרט בלשונה לשון לימודי"ם, ובוודאי זכות מעשיה הטובים יליצו יושר ופרקליטים טובים לחה"ע.

ומעומק ליבנו נטפי תנחומים בזה שלוחה, לכל **משפחתה החשובה**, ירו"ש חסידים ואנשי מעשה שליט"א

**ונחמו נחמו בכפלים יאמר א-לוקיכם**

לבנה החשוב עוסק באורייתא תדירא, זך הרעיון ומיטיב הגיון וכתר שם טוב על גביהם עולה,

כש"ת מוהר"ר **חיים הכהן הערמאן** שליט"א וכל **משפחתו החשובה** שליט"א

מחשובי הוועד להצלת הביה"ח בעיר אפאשטאג, אונגארן

על פטירת אשתו ואמם, האשה החשובה מפורסמת לשבח בפי כל מרת **גיטל איידל** ע"ה

המנחם ירושלים הוא ינחמכם, ומעתה אל תוסיפו עוד לדאבה,

ותזכו לחיי נחת ולהרחבת הדעת דקדושה ואורך ימים ושנות חיים יוסיפו לכם עד ביגאו"צ בב"א.

המשתתפים בצערכם הגדול ומברכים אתכם בלונ"ח, הנהלת אבותינו

## צוגרייטונגען צו פראיעקטן

## הצלת ותיקון הביה"ח בעיר **בוטשום**, ראמעניע

בראשות משפחת החשובה בני

הרב החסיד ר' **מרדכי יאקאב** ז"ל

גרויס התעוררות ביי צאצאי יוצאי העיר מנדב צו זיין סכומים הגונים פאר די נויטיגע פאנדן צו ערמעגליכן די עבוה"ק ארומצונעמען דעם ביה"ח מיט א פעסטע גדר. ובקשה גדולה צו די חשוב'ע בני משפחה: ביטע נעמט א חלק אין די געוואלדיגע אונטערנעמונג.



Buciumi - Törökfalu, Romania





## הערכת שומא: באריכטן ארויסגעגעבן איפ'ן פארלאנג פון די משפחות

### יאסוב, סלאוואקיי

הערכת שומא פארלאנגט דורך

הרבני החסיד מוה"ר **נטע ווייס** שליט"א

שוואכע גדר באשיצט נישט דעם מקום קדוש


Jasov, Slovkia
November 15, 2015



➔ דעטאלירטע באריכט איבער'ן צושטאנד פונ'ם ביה"ח

פרטים פון די אפשאצונג:

**מצב הביה"ח:** זייער איבערגעוואקסן און פארלאזט; א גדר איז דרינגענד צו באשיצן דעם ארט.

**מצבות:** אין שווערן מצב

### באלדווע, אונגארן

הערכת שומא פארלאנגט דורך

הרבני החסיד מוה"ר **ליפא גראס** שליט"א



Boldva, Hungary
November 2015

**פרייע איבערזעצונג פון אי-מעיל צו "אבותינו" אין יאר תשס"ג:**

בשעת מיין נסיעה אין אונגארן, האב איך באזוכט עטליכע בתי חיים...
אין באלדווע... קען איך אייך זאגן אז די ביה"ח איז אין א געפערליכע צושטאנד, און קען כמעט נישט אנגערופן ווערן א ביה"ח. ס'איז נאר דא עטליכע מצבות ארומגענומען מיט געוויקסן...

פרטים פון די אפשאצונג:

**מצב הביה"ח:** זייער איבערגעוואקסן - מ'קען נישט זען די מצבות; נישט דא קיין גדר.

**מצבות:** אוממעגליך אפצושאצן צוליב די געוויקסן.

מודעה נחוצה מאת הוועד

להצלת ביה"ח דעיר **מאטש** ראמעניע

- בראשות הרב החסיד ר' **הלל דוב גאנץ** שליט"א,
- וגיסו הרב הגאון ר' **יוסף חיים גרינוואלד** שליט"א
- משפ' הרה"ג ר' **משה ברוך ווייס** שליט"א,
- ואחותו הח' **מרת ט. העללמאן** תחי', בני ברק ומשפ'
- נכדי הרב הגאון ר' **יושע ליכטענשטיין** ז"ל

**זעלטענע געלעגנהייט!**

**"אין המצוה נקראת אלא על מי שגומרה"**

בעזהש"י ווערט דורכגעפירט די עבוה"ק ברוב פאר והדר בנדבת המנדבים החשובים צאצאי יוצאי העיר.

בעת די צוגרייטונגען ווערט נתברר אז די ביה"ח איז באמת גרעסער, דעריבער איז צוגעקומען באדייטנדע קאסטן צו די אריגינעלע פרייז. מיר בעטן די חשוב'ע יוצאי העיר זיך משתתף צו זיין אין די הוצאות כדי די עבוה"ק זאל קענען פארענדיגט ווערן.

רופט היינט דעם וועד אדער אבותינו **718-640-1470 עקסט. 303**